גליון תורני

# שערי מדע

הרחבת הדעת בהיסטורי' וידיעות טבעיות
סביבות תבל ומלואה בהשקפה תלמודית

פרשת

## חג הפסח

תשפ"ה לפ"ק

נושא השבוע

## וויכוחים ביהדות

הרב
**משה נחום קרויס**
עורך



## פארוואָרט

בשערי מדע פסח תשפ"א האבן מיר געשריבן א לענגערע מאמר איבער די צדוקים און בייתוסים, מיר ווען בהאי שעתא ממשיך זיין איבער א ענליכע נושא, מיר וועלן בעזרת השם ארומרעדן איבער די מושג פון זיך מתווכח זיין, דע מה שתשיב, איבער א טיפע 'משך חכמה' איבער ווען מ'זאל זיך באנוצן מיט ויכוח און ווען מיט ניצוח'און מענין לענין א' משך חכמה' איבער אמונה הישראלית (לכבוד פסח). אינעם צווייטן חלק פונעם מאמר האבן מיר צוגעברענגט עטליכע סיפורים מחוכמים ווי גדולי עולם האבן מנצח געווען קעניגן, נאציס און משכילים. און צומאל דע מה שתשיב באינו תשיב, ליינט און האט הנאה.

## מאבקי היהדות עם מהרסיה

**די** מאבק פון יהדות הנאמנה מיט אירע מחריבים האט זיך שוין אנגעפאנגן פונעם בחיר האבות יעקב אבינו מיטן שר פון עשו, און דאס האט זיך איבערחזר'ט אין משך פון אלע דורות, אליהו הנביא מיט די נביאי הבעל, די חשמונאים מיט די מתיוונים, חז"ל מיט די צדוקים און די בייתוסים, רב האי גאון מיט די קראים, רבי יעקב ששפורטש מיט די שבתאים, די נאמני התורה והחסידות מיט די משכילים, ריפארמער, די יהדות החרדית מיט ציונות וכו'.

זיך מתווכח זיין בפרט מיט אפיקורסים איז נישט געווען אזאך וואס יעדער האט געהאט די רשות זיך אריינצולאזן אין קיין וויכוחים, חז"ל אין **אבות** (ב, יד) לערנען אונז: **רבי אלעזר אומר, הוי שקוד ללמוד תורה, ודע מה שתשיב לאפיקורוס.** דער **ברטנורא**

אויפן ארט טייטשט אפ דאס ווארט **אפיקורוס:** לשון הפקר, שמבזה את התורה ומחשיבה כאילו היא הפקר. זעהן מיר פון די משנה, אז חז"ל האבן אנגעווארענט אז מ'זאל זיך נישט ארײנלאזן אין א דיבאטע איבער אמונה ויהדות אפילו מיט א גוי, וכל שכן מיט א אפיקורוס א איד (רח"ל), ווי חז"ל במסכת **סנהדרין** (לח) לערנען אונז: **אמר רבי יוחנן: לא שנא אלא אפיקורוס של עובדי כוכבים, אבל אפיקורוס ישראל - כל שכן דפקר טפי. רש"י** ערקלערט פארוואס א אידישע אפיקורוס איז מער שעדליך זיך ארײנצולאזן אין א וויכוח, וויבאלד ער האט געלערנט דעריבער וועט ער מדקדק זיין מיט זיינע פראגעס און וועסט אים נישט קענען ענטפערן עפעס וואס ער וועט אנעמען, כלשונו: **שהרי הכיר וכפר, ומתוך כך מדקדק ולא תוכל להשיבו דבר המקובל לו.**

דער **תפארת ישראל** (אבות שם, ביכין) לייגט אראפ די כלל ווער עס קען זיין א 'מה שתשיב', מיר וועלן צוברענגען זיין לשון און עס ערקלערן: **העיון וההתעמקות בהעניינים שלומד. שלא יזוז משום דבר שלומד עד שישאל וישיב לעצמו על ז' שאלות, מי, מה, למי, או את מי, מתי, איה, איך, ולמה. שכשתדע להשיב על אלה הז' שאלות, יבורר לך כל דבר חמור ועמוק. גם ישקיף סביבות העניין שלמד יפה, אם אין בו סתירה במה שלמד כבר. גם ישאל א"ע אם אין שם בהדבר שלומד מלה יתירה, ולמה נכתב מלה זאת, וכדומה בהשאלות, עד שיבורר לו הדבר כשמלה חדשה. ועל העניין הזה, אמר, ודע מה וכו', ר"ל לא די שצריך אתה לידע הטעם של כל דבר כפי הראוי וכפי שמותר הישראלי הכשר לשאול. אלא צריך אתה ג"כ להתבונן בכל דבר הטעם שתוכל להשיב לאפיקורס כשתזדמן עמו, שאינו מתרצה בקבלתינו הנאמנה, רק בימה ששכל אנושי סובל:** ערקלערט: די תנא לערנט אונז ווי אזוי מיר דארפן לערנען. מיר דארפן לערנען אויף אזא אופן און קלאר פארשטיין אז מ'זאל אפילו קענען ענטפערן פאר א אפיקורוס, ער לייגט אראפ אז מ'דארף זיך פרעגן די 'זיבן' שאלות בשעת מ'לערנט, **מי** ווער, **מה** וואס, **למי** פאר וועם, **את מי, מתי** ווען, **איה** ווי, **איך** ווי אזוי, **למה** פארוואס. און ווען מ'קען ענטפערן אויף די זיבן שאלות וועט קלאר ווערן יעדע הארבע און טיפע ענין. ווי אויך זאל מען זעהן צו די לימוד וואס מ'לערנט איז זיך נישט סותר מיט וואס מ'האט שוין געלערנט, ווי אויך זאל מען מעיין זיין אין די ווערטער צו עס איז נישטא קיין איבריג ווארט. דעריבער שרייבט דער תנא **ודע**, נישט נאר אז די דארפסט קענען לערנען קלאר פאר דיר, נאר דארפסט זיין אזוי קלאר צו קענען ענטפערן אפילו פאר אן אפיקורוס.

לפי הרמב"ם ב**פירוש המשניות** (אבות שם) איז די 'ודע' דוקא פאר א גוי, אבער פאר אן אפיקורוס יהודי זאל מען בכלל נישט ענטפערן (כגמרא סנהדרין שם) : **מה שתשיב לאפיקורוס - אמר צריך שתלמד דברים שתשיב בהם לאפיקורסים מן האומות, ותחלוק עליהם ותשיבם אם יקשו לך. ואמרו "לא שנו אלא אפיקורוס גוי, אבל אפיקורוס ישראל כל שכן דפקר טפי", רוצה לומר שיוסיף לבזות, ומפני זה אין צריך לדבר עמו כלל, שאין לו תקנה ואין לו רפואה כלל ועיקר, שנאמר "כל באיה לא ישובון, ולא ישיגו ארחות חיים".**



# דברים יסודיים מ'המשך חכמה' אודות ויכוח (בתוספות ביאור)

**בעפאר** מיר גיין צוברענגען עטליכע דוגמאות ווי גדולי עולם במשך הדורות האבן מקיים געווען דעם 'ודע' מה שתשיב, ווילן מיר קודם צוברענגען א יסודות'דיגע **משך חכמה** ווי ער ברענגט ארויס זייער א טיפע און אמת'ע נקודה, בתו"ד ברענגט ער ארויס א חילוק איבער די אופן וויכוח בזמן אברהם אבינו, און שפעטער מזמן דוד המלך ואילך.

ונתחיל מיט א סיפור מיטן גרויסן **חידושי הרי"ם** (כידוע האט ער לוחם געווען אקעגן די משכילים בפרט בענין לבוש חסידי).

חסידים פארציילן איינמאל איז דער **חידושי הרי"ם** געזעצן ביי שולחנו הטהור און האט דערביי דערמאנט די מכילתא (פ' יתרו) ווי משה רבינו ע"ה האט געשוואוירן פאר יתרו כי יתן את בנו הראשון לעבודה זרה, און די קינדער וואס וועלן קומען נאכדעם וועלן זיין קדושים לה'. תוך כדי דיבורו האט דער חידושי הרי"ם אויפגעהויבן זיינע הענט און געזאגט: איך געב תקיעת כף אז לא כן הדבר, און וואלט נישט מסוגל געווען נושא פנים צו זיין פאר די מדרש אויב עס איז די פשוטע פשט! נאר די כוונה פון די מכילתא איז, בעפאר מתן תורה האט מען נאר געקענט משיג זיין די מציאות הבורא ית"ש דורך חקירה און פיליזאפיע. יתרו חותן משה איז דאך געווען קודם א כומר/גלח פאר אלע עבודה זרה'ס, ער האט נאכגעזוכט און חוקר געווען ביז ער איז אנגעקומען צו דעם אמת. דעריבער האט יתרו געבעטן פון משה אז אויך זיינע קינדער זאלן גיין אין זיינע וועגן, אז זיי זאלן אויך צוקומען צו גדלות הבורא דורכ'ן חוקר זיין כל מיני אלהות.

האט דער חידושי הרי"ם ממשיך געווען: דאס אלעס איז געווען גוט פאר די תורה איז געגעבן געווארן בסיני. אבער זינט מיר האבן מקבל געווען די תורה מסיני, און אונזערע נשמות זענען אצולות משורש התורה, דארף מען שוין מער נישט אנקומען צו חקירות און פיליזאפיע און צו חכמתו פון יתרו כדי משוכנע צו ווערן אז יש מנהיג לבירה.

דער צדיק פלאי **רבי שמואל פון שינאווא** זצ"ל וואס איז דערביי געווען ביי די מעמד האט מעיד געווען, אז בשעת דער רי"ם האט געזאגט די ווערטער, האט מען געזעהן עין בעין ווי יעדע נשמה גייט ארויס מגודל התבערה שבערה בו אש

ה׳, אשרי עין ראתהו. (מסוד שיח חסידים, דרך אמונה בחרתי).

נאך די הקדמה פון די מעשה לאמיר זיך זעצן לערנען א שטיקל **משך חכמה**, עס איז א צוזאמשטעל פון א מאמר בפרשת **וזאת הברכה** און א מאמר בפרשת **בא.** ער ברענגט צו א **ירושלמי** (ברכות ט, ה) **אברהם אבינו עשה יצר הרע טוב דכתיב ומצאת את לבבו נאמן לפניך, אמר רבי אחא והפסיד אלא שם וכרות עמו הברית והחסד וגומר. אבל דוד לא היה יכול לעמוד בו והרגו בלבבו.** דער יצר הרע האט געמאכט א פשרה און שלום מיט אברהם, דאס איז ומצאת את **לבבו**ביידע לבבות האבן אים מחזיר געווען לטוב, נישט נאר דער יצר טוב נאר אויך דער יצר הרע. אבער דוד המלך האט נישט געקענט איבערקערן דעם יצר הרע לטוב, דעריבער האט ער געהארגעט זיין יצר הרע, **ולבי חלל בקרבי** איין לב. - וואס קומט דא פאר?

ערקלערט **רבי מאיר שמחה הכהן** זצ״ל, דער **יצר האפיקורסי המטעה בשכליות ובחקירות שוא, אינו יכול להיכבש מפני הניצוח, רק מפני מופתים המראים דרך ויכוח, וזהו דרך פשרה. זה היה אצל אברהם שחקר כל ספיקות באמונה ונתוכח בפלסופיה עד כי הכיר את בוראו מעצמו ולא ידע מי הוא הבורא ונגלה עליו ואמר אני בעל הבירה, אמנם אצל דוד היה יצר תאוני, ותאוה יבוטל רק כי ידכאהו בנצוח גמור, וזה ולבי חלל בקרבי, אבל אין פשרה עם יצר התאוני, ולכן כתיב באברהם לבבו, ששני לבבות המה יצ״ט ויצה״ר, ששניהם נאמנו ונתפשרו, ובדוד כתיב ולבי חלל זה יצה״ר לבד וכו׳** (ע״כ דבריו המחוכמים הנוגע לענינו).

ביאור דבריו: דער משך חכמה שרייבט דא דברים יסודיים איבער די צוויי סארטן יצר הרע׳ס, צווישן **יצרא דעבודה זרה**, און **יצרא דעריות.** די יצרא דעבודה זרה קען מען נישט בייקומען בדרך **ניצוח**, דאס הייסט מ׳קען נישט פארשטאפן יענעמ׳ס טענות, ווייל אויב דערשטיקט מען די טענות און חקירות וואס קומט דורך יצרא דעבודה זרה טוט מען גארנישט אויף, ווייל מ׳דערשטיקט עס נאר און עס בלייבט אונטערנבאוויסטזיין, און עס וועט ארויסשפאצן מזמן לזמן, דעריבער איז די עצה זיי צו לאזן הערן זייער צד, און דערנאך עס סותר צו זיין מיט ראיות און הוכחות בדרך **ויכוח.** בקוצר אמרים יצרא דעבודה זרה קען מען בייקומען **בויכוח און נישט בניצוח.**

די סיבה פארוואס ניצוח ארבעט נישט ביי יצרא דעבודה זרה, דאס הייסט פארוואס קען מען עס נישט אונטערברענגן מיט כח, איז וויבאלד יענער קומט מיט די זעלבע כח ווי דיר, אונז (די צד הטוב) קומט מיט די כח פון גלייבן אז אין וואס מיר זענען מאמין איז אמת, די זעלביגע ווען די חוקרים ופיליסופים אויך קומען מיט די כח המאמין, זיי גלייבן אין זייער שיטה.

דאס איז א הייקעלע נקודה, אבער לאמיר אייך צוברענגן א אויסדרוק פונעם **בית הלוי**: מ׳פארציילט ווען דער בית הלוי האט געהערט אז די השכלה צעשפרייט זיך בעירו **סלוצק**, האט ער זיך אנגערופן **דער אמת איז גובר וידה על העליונה**, די צוהערער האבן זיך געוואונדערט: וואס?! השכלה רופט דער רב אן די אמת?!

האט דער בית הלוי געגעבן צו ערקלערן זיינע ווערטער, די כופרים זענען **אמת׳ע כופרים**, דעריבער זענען זיי עושים ומצליחים, אבער די **חרדים**, אסאך פון זיי זענען נישט קיין אמת׳ע יראי שמים כראוי, דעריבער איז דבריהם לא נשמעים. זעהן מיר די מושג פון אז ווען איינער קומט אז זיין צד איז די אמת וועט נישט העלפן דערשטיקן נאר וויכוח (אדער בענינו של הבית לוי אז מ׳קען נאר בייקומען ווען מ׳מיינט אמתדי׳ג די צד הטוב)[א].

[א] להרחיב הידיעה איבער די מושג פון צוויי אמת, וועלן מיר ציטירן וואס מיר האבן געשריבן ב**שערי מדע** (סוכות תשפ״ג) במאמר: **אמת איז יחסית**: בספרו **אמת ליעקב** (בראשית א׳ כ״ו) איז רבי יעקב מחדש א חידוש נפלא, בהקדם במדרש (בראשית רבה, ח, ה): **א״ר סימון בשעה שבא הקב״ה לבראת את אדם הראשון, נעשו מלאכי השרת כיתים כיתים, וחבורות חבורות, מהם אומרים אל יברא, ומהם אומרים יברא, הה״ד** (תהלים פה) **חסד ואמת נפגשו צדק ושלום נשקו, חסד אומר יברא שהוא גומל חסדים, ואמת אומר אל יברא שכולו שקרים, צדק אומר יברא שהוא עושה צדקות, שלום אומר אל יברא דכוליה קטטה, מה עשה הקב״ה נטל אמת והשליכו לארץ הה״ד** (דניאל ח) **ותשלך אמת ארצה, אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה רבון העולמים מה אתה מבזה תכסיס אלטיכסייה שלך** [רש״י: חותמו של הקב״ה אמת]**, תעלה אמת מן הארץ, הדא הוא דכתיב** (תהלים פה) **אמת מארץ תצמח.** עכ״ל המדרש.

די מדרש פארציילט אז ווען הקב״ה האט באשאפן אדם הראשון דער ערשטער מענטש, איז געווען א מיינונגס פארשידענהייט צווישן די די מלאכי מעלה,

# גדולי ישראל וועלכע האבן מנצח געווען בוויכוחים (סיפורים מחוכמים)

## מעשה מיטן קעניג פון איטאליע

**רבי שלמה וולבה** זצ״ל האט פארציילט אויפן איטאליענישן קעניג **ויקטור עמנואל**, ער איז געווען בידידות מיט **רבי אריה יהודה די מודינא** פון רומא. דער קעניג האט אמאל געפרעגט דעם רב, פארוואס ווען די פסוקים רעדן איבער די עוונות און חטאים פון די צדיקים, וועלן חז״ל מקטין זיין די חטא, אבער ווען מ׳רעדט פון די רשעים, איז אפילו די פסוק דערמאנט א גוטע זאך וואס זיי האבן געטון, וועלן חז״ל צולייגן נישט גוטע זאכן, כדוגמא, ווען דער פליט איז געקומען פארציילן פאר אברהם אז לוט איז געפאנגן געווארן, זאגן חז״ל אז דער פליט איז עוג מלך הבשן, ער איז געקומען פארציילן פאר אברהם אז לויט איז געפאנגן געווארן, בכדי אז אברהם זאל ארויסגיין מלחמה האלטן, און ער זאל געהארגעט ווערן אין די מלחמה, און אזוי וועט ער קענען חתונה האבן מיט שרה, האט ער געפרעגט פארוואס דארפן חז״ל משנה זיין מפשטות הכתובים אז ער איז געקומען טון א גוטע זאך מיט א גוטע כונה?

האט אים דער רב געזאגט: איך וועל דיר ענטפערן און אנדערע געלעגנהייט.

לימים, האט דער קעניג געמאכט א גרויסע סעודה, ער האט איינגעלאדענט זיינע שרים ומקורבים, צווישן די געלאדענטע איז געווען דער רב. בשעת׳ן סעודה האט מען געברענגט פארן קעניג א שיסל מיט וואסער אפצוואשן זיינע הענט. דער קעניג האט אראפגענומען זיין טייערע רינגל און עס אראפגעלייגט אויפן טיש. אט אין יענע מאמענט האט דער רב שנעלערהייט אריינגעלייגט דאס רינגל אין זיין טאש.

בשעת׳ן סעודה האט דער קעניג באמערקט אז זיין טייערע רינגל איז נעלם געווארן, מ׳האט

איז דער **משך חכמה ממשיך:** די **יצר התאוני** (יצרא דעריות) קען מען נאר מבטל אויב טוט מען עס אונטעדריקן בניצוח גמור.

להוסיף ולחזק דבריו איז כדאי צוצברענגען די **מדרש** (שיר השירים רבה פ"ז פ"א) אז די **יצרא דעבודת כוכבים** איז אויסגעריסן געווארן בזמן מרדכי ואסתר. אין גמרא **יומא** (סט) לערנען מיר אז מ'האט געבעטן אז די יצרא דעבודה זרה זאל אויסגעריסן ווערן, **נפל להו פיתקא מרקיעא דהוה כתב בה אמת וכו' חותמו של הקב"ה אמת**. דער **גר"א** שרייבט:

די מלאכי חסד און צדק האבן געטענה'ט אז מ'זאל יא באשאפן די מענטש. די מלאכים פון אמת און שלום האבן געטענה'ט אז מ'זאל נישט באשאפן די מענטש. די טענה פון אמת איז געווען, אל יברא, שכולו שקרים, די מענטשהייט איז פיל מיט שקר. וואס האט הקב"ה געטון, כביכול האט גענומען דעם אמת און עס אראפגעווארפן אויף די וועלט. ווי דער **יפה תואר** ערקלערט: אז הקב"ה האט כועס געווען אויף 'אמת' וויבאלד זי האט מעכב געווען די בריאת האדם.

פרעגט ער, פארוואס האט כביכול נישט אראפגעווארפן 'שלום' אויכעט, זי האט זיך דאך אויך אקעגנגעשטעלט איבער בריאת האדם? ענטפערט דער יפה תואר, אז שלום איז געווען איינס קעגן חסד און צדק ממילא איז זי בטל געווארן ברוב, און מ'האט געקענט באשאפן די מענטש.

פרעגט רבי יעקב, פארוואס האט מען אמת אראפגעווארפן און נישט שלום, די מלאכים האבן דאך געהאט א שטארקע טענה נאכדעם וואס כביכול האט אראפגעווארפן אמת, הקב"ה האט מיט דעם פארשעמט זיין חותם וואס איז אמת, אתמהה?

קומט רבי יעקב און איז מחדש א יסוד נפלא: אמת האט געטענה'ט אז דער מענטש איז פיל מיט שקרים, פארוואס? ווייל חז"ל (סנהדרין) לערנען אונז אז **כשם שפרצופיהם אינן שוין כך אין דעותיהם שוות**, גענוי ווי קיין איינער זעהט נישט אויס אייניג, יעדע מענטש זעהט אויס אנדערש פונעם צווייטן, אזוי אויך טראכט קיינער נישט די זעלבע פונעם צווייטן. מיט זיין בהכרח אז די וועלט איז פיל מיט שקרים, ווייל **אמת איז נאר דא איינ'ס**, קומט אויס אז נאר איין 'דעה' איז אמת, און אלע אנדערע דעות איז פיל מיט ליגנט. און אויב קיינער טראכט נישט ווי דער צווייטער, קומט דאך אויס איז פון אלע ביליאנען דעות איז בלויז 'איין' דעה אמת, דאן איז די עצם מושג מענטשהייט פיל מיט שקרים. נו, איז דא די עצם באשאף פון די מושג 'מענטש' א סתירה מיט די מושג פון 'אמת'! דעריבער **ותשלך אמת ארצה**. הקב"ה האט דאן מחדש געווען א חידוש גדול בענין האמת, אז **אמת איז יחסית ולא החלטית**, און מהיום איז דא **צוויי אמת**, אמת **ארצית** און אמת **שמימית**, ונמצא שמאז יוכל האדם להיות אמיתי לפי מדרגתו והשגתו. א חידוש נפלא!

**משהרגו את היצר הרע בטלה הנבואה**[ב] - זעהן מיר אז ביז בערך בית שני איז געווען די יצרא דעבודה זרה שטארק, און דאן איז געווען שייך אז יעדער האט געהאלטן אז זיין אמת איז די אמת, זה לעומת זה איז געווען די כח פון נבואה וואס די ערליכע און תורה טרייע אידן האבן געגלייבט אינעם אמת'ן אמת.

אבער נאך ביטול פון יצרא דעבודה זרה פונעם **יצר האפיקורסי**, איז געקומען א נייע יצר, **יצר תאוני**. דאן איז נולד געווארן **משניות** קעגן **חכמת יונית**, דאן האט זיך אנגעפאנגען א נייע עפאכע, חז"ל האבן דיין איינגעשטעלט דעם **דע מה שתשיב**, מ'טאר זיך נישט אריינלאזן אין קיין וויכוחים, מ'דארף די חברה מנצח זיין, ווייל די יצר איז א יצר פון תאוה און הפקרות נישט קיין אידילאגישע יצר. אפילו מ'זעהט ווי מאנכע במשך הדורות האבן געפירט די טענות מיט אידילאגיע, איז עס בלויז געווען א שלייער, דערינטער איז אייביג געליגן א יצר פון **תאוה**, ווי חז"ל במסכת סנהדרין רעדן פון אזא מושג אז מ'האט געדינט עבודה זרה צו קענען זינדיגן בעריות.

אזוי איז עס געווען במשך הדורות, מיט די אלע מאוומענט'ס ווי צדוקים, השכלה, קאמעניזום, עפעס א תאוה איז אייביג געווען באהאלטן אונטער די שלייער פון זייער אידילאגיע, צו עריות, געלט, כבוד וכדו'. די יצר פון תאוה צופאלט, ווי מ'זעהט אז עס איז גארנישט געבליבן פון זיי די אלע כיתות. לא כן די אמת'ע אמת פון נצח ישראל לא ישקר, מיר ארטאדאקסישע אידן, חסידים כליטאים, זענען חי וקים. - דעריבער האבן אונז חז"ל געהייסן שטיין ווייט פון די וויכוחים ווייל די צווייטע זייט זוכט נישט קיין אמת וד"ל.

[ב] **רבי צדוק הכהן** (פרי צדיק נצבים אות יב) שרייבט ענליך, אז די סיבה פארוואס התגלות חכמת יון איז געווען דוקא בתחלת ימי בית המקדש השני, איז וויבאלד נבואה איז אזאך וואס איז מעל הטבע, בזמן ששרתה נבואה בישראל איז געווען די מושג פון עובדי עבודה זרה, און כישוף. נאך גלות בבל בטלה נבואה מישראל, כנגד זה האבן די אנשי כנסת הגדולה בטל געמאכט די יצר הרע פון עבודה זרה, פון דא אין ווייטער האט זיך אנגעפאנגען תורה שבעל פה, ויסוד המשנה וואס איז א ענין שכלי, וכנגד זה האט זיך אנגעפאנגען חכמת יון וואס איז א ענין שכל טבעי.

## סיפורים מחוכמים (המשך)

עס אנגעפאנגען צו זוכן, דער קעניג האט געהייסן פארן שטאב הויפט אז ער זאל הערמעטיש פארשליסן אלע טירן, קיינער זאל נישט קענען ארויסגיין, מ'האט אנגעפאנגען אויסצופארשן אלע משרתים, און יעדער האט צוגעזאגט אז זיי האבן נישט גענומען דאס רינגל. ווען דער קעניג האט געזעהן אז קיינער איז זיך נישט מודה, האט ער געהייסן דעם שטאב הויפט אז ער זאל אנפאנגען שלאגן די משרתים ביז דער יעניגער וועט זיך מודה זיין.

דא האט זיך דער רב אריינגעמישט, "פארוואס זאל מען שלאגן?" האט ער זיך געווענדן צום קעניג, "ס'קען גאר זיין אז זיי זענען נישט די גנבים".

דער קעניג האט מיט א כעס אים געענטפערט: "כבוד הרב, יעדער פארשטייט זיין אייגענע ענינים, דער רב זאל עוסק זיין און וואס ער פארשטייט, און איך וועל טון ווי אזוי איך פארשטיי".

דער רב האט דאן ארויסגענומען דאס רינגל פון זיין טאש, און פרעגט דעם קעניג, צו איז דאס דער רינגל וואס דער קעניג זוכט? "אודאי", האט דער קעניג געענטפערט, "ווי אזוי איז עס אנגעקומען צו דיר?" האט ער געפרעגט דעם רב.

האט דער רב געענטפערט: "כ'האב עס געזעהן אויפן טיש, כ'האב געגליסט דערצו, און איך האב עס גענומען און אריינגעלייגט אין מיין טאש."

"עהה, דו רעדסט נערישקייט'ן, כ'בין זיכער אז דו האסט עס נישט געגנב'ט, איינע פון די משרתים וואס האט מורא געהאט זיך מודה צו זיין האט דיר עס געגעבן".

אבער דער רב האלט זיך ביי זיינס: "איך האב געגליסט און איך האב זיך געפונען א געלעגנהייט עס צו נעמען".

"ס'לייגט זיך נישט אויפן שכל", האט דער קעניג געזאגט פארן רב, "אפילו איך זאל ווען לאזן אלע מיינע אוצרות אפען פאר דיר, וואלסטו נישט צוגערירט דערצו."

האט דער רב געזאגט פארן קעניג: "אדוני המלך, יעצט האב איך א תשובה אויף דיין אנפראגע אויף תנ"ך, איך האלט דעם רינגל פונעם קעניג, איך בין מודה ברבים אז איך האב עס געגנבט, בכל זאת איז דער קעניג זיכער, אז איינע פון די משרתים האט עס געגנבט, אפילו זיי אלע שרייען חי וקים אז נישט.

"די הסבר איז, אז דער קעניג קען מיר, און קען

## מאמינים בני מאמינים

**(מאמר יסודי מה'משך חכמה')**

**מיר** האבן צוגעברענגט די משך חכמה און אויסגעשמועסט אז ווען יעדער האלט אז זיין אמת איז די אמת איז שווער דאס צו באזיגן. דאן קומען מיר צו יעצט צו א פראגע וואס דער משך חכמה (פרשת בא) פרעגט מיר אידן ווערן אנגערופן **מאמינים בני מאמינים** (שבת צז) לכאורה מיר זעהן אויך גוים וואס גלייבן, כלשונו **הלא באומות העולם שאמרו 'ההמיר גוי אלוהיו' אלה כותים וקדרים, שהללו עובדין למים** וכו' **הלא מאמינים בטפשות כאלה וכל העמים כן, וגם כן כוח אמונתם גדול,** איי ווערסטו וועלן זאגן אז מיר אידן גלייבן אויך **בעתיד**, און די גוים נאר בהווה, **אך הלא יש מהעמים שמאמינים גם כן ביעודים עתידים?**

קומט דער **משך חכמה** און איז מבאר די מושג מיט א טיפן און נייעם בליק: עס איז דא א מושג פון **הרגשות**, דער מענטש ווערט איבערגענומען פון **אהבה**, **יופי**, **גבורה**, די עמים הקדמונים האבן געדינט די אפגאט פון 'יופי', פון 'גבורה' פון 'אהבה', דאס הייסט אז די עבודה זרה פון די גוים איז געבויט אויף טאפעדיגע זאכן, זיי האבן געמאכט בילדער פון שטארק, שיין, אהבה, **נמצא דההרגשות מסייעים לאמונתם הבנוי על המוחש והמצוייר**. אבער **לא כן ה'!** אברהם אבינו האט איינגעזעהן אז הקדוש ברוך הוא איז נישט קיין נברא, ולא כוח בגשם **ואינו מתואר ואינו מציור ואינו מושג, שאילו היה מתואר או מצוייר היה נגדר בדבר מה, והיה לו תכלה, וכל שיש לו תכלה יש לו תחילה וכו'** (לא ימשיך בחקירה) שרייבט דער משך חכמה **וזה עיון אמיתי ומושכל**, אבל מי יוכל להשיגו, **ובכל זאת, כל ישראל מאמינים באמת מציאותו ואחדותו ענין מושכל כזה, ומלעיגים לכל ההרגשות וההתפעלות שמרגישים מצד הטבע.**

דער משך חכמה איז ממשיך מיט א ענין וואס מיר וועלן נישט מאריך זיין, בתו"ד ברענגט ער ארויס אז אידן באנוצן זיך מיטן כוח השכל וואס איז אין די מח, און נישט מיט די הרגשות וואס איז בלב, דעריבער איז אונזער אמונה געבויט אויף עפעס וואס איז נישט מורגש ומצוייר, דעריבער וועלן מיר זיך לאזן הרגענען על קידוש השם ווייל אונזער אמונה איז געבויט אויף אופן אז מ'גלייבט אפילו מ'זעהט נישט, און ער שרייבט אז די כח האבן אונז באקומען בשעת מ'איז אריין אין די ים סוף (זעה למטה לשונו הק'[ג]) נמצא למדין, אונזער אמונה איז געבויט אויף א כח אז מיר גלייבן אפילו מ'זעהט נישט.

ענליכ'ס שרייבט דער **שפת אמת** (חיי שרה תרמ"ח) ער ערקלערט, וואס איז פשט פון די ווערטער **מאמינים 'בני' מאמינים**' ווי קומט דא די אבות? שרייבט ער: **כי עתיד הגאולה להיות על ידי דורות השפלים.. והוא על ידי אמונה.. כי ישראל מאמינים בני מאמינים, כי באמת הוא דבר פלא. התחזקות אמונת בני ישראל בגלות, והיא מנטיעות אבותינו כמו שכתוב 'בני' מאמינים ובזה יהי' הגאולה במהרה בימינו אמן.**

[ג] ומפני שכל ישראל ממליכים עליהם המלך הראש זה כח השכל המשיג מציאותו יתברך באחדות המוחלט בחיוב המציאות על כל ההרגשות, היינו שנהרגים והורגים גם בניהם ר"ל וכל האומה נשחטת ונחנקת בשביל מציאותו יתברך ואחדותו שמושגת בשכל ובלתי מורגש ובלתי מצוייר, וזה זכו ישראל מעת שירדו לים ומסרו עצמם על קיום אמונתו יתברך לבלי להשלים עם המצרים, ונוכל לאמר מפני מה זכו ישראל למלכות היינו להמליך השכל על האיברים וההרגשות מפני שירדו לים וכמו כן אמרו בתוספתא ברכות שיהודה זכה למלכות ששבטו ירד לים תחילה וזה בצאת ישראל ממצרים היתה יהודה לקדשו כו' הים ראה כו', שעל ידי הים נעשו ישראל מושלים על כל ההרגשות. לפיכך שנו חכמים אפילו עני שבישראל לא יאכל עד שיסב, פירוש שאעפ"י שנגאלו לשעה וחוזרין ומשתעבדין ועבדי אחשורוש הוי הרי הן בני חורין ומלכים גמורים שממליכים השכל על כל ההרגשות. ומהיכן זכו ממסירת נפשם שירדו כל ישראל לים רק בשביל אמונת מציאותו האמיתית האחד יתברך המושגת רק בשכל ברי בלי ציור והרגש כלל, ובקושי השעבוד של מצרים כמעט היה נשכח והיו עובדים ע"ז, רק לפי שנקנה בהם האמונה האמיתית מאבותיהם אברהם יצחק ויעקב ברגע אחד חזרו לאמונתו האמיתית וזבחו אלהי מצרים לעיניהם וקשרוהו לכרעי המטות עוד מיום העשור והיה מסירת נפש, מפני זה זכו להמליך השכל על ההרגשות כמצרים שהיו עובדים לנילוס שהיה משקה להם וכיו"ב עבודת הצאב"ה שביאר במורה ח"ג, ולכן אמרו במדרש ויסב אלקים את העם דרך ים סוף לפיכך שנו חכמים וכו' עד שיסב כמו שבארנו, כי זה החרות הגמורה כי השכל ימשול על ההרגשות.

### סיפורים מחוכמים (המשך)

מיין ישרות, און דערקעגן קען די חוסר אמונתם פון די משרתים, דעריבער איז פארן קעניג זיכער ווער עס איז דער גנב.

דאס זעלביגע איז מיט תנ"ך, חז"ל האבן מכיר געווען עוג מלך הבשן, און זיי האבן געוויסט אז אזא רשע ווי עוג וועט קיין טובה נישט טון אנדעם וואס ער זאל האבן א תועלת דערפון, דעריבער האבן זיי געזאגט אז זיין כונה איז געווען אז אברהם זאל געהארגעט ווערן אין די מלחמה, און ער זאל קענען נעמען שרה פאר א פרוי.

## די וויכוח פונעם מאקעווע רב זצ"ל מיטן נאצי איבער ריבית

**הגאון** האדיר בעל **עטרת משה** פון מאקאווע זצ"ל (די יאר איז זיין פערציגסטער יארצייט) אויסער זיינע בארימטע ספרים האט ער אויך געשריבן א קליינע ספר מיטן נאמען **כלי גולה**, די ספר האט ער געשריבן בכתב יד קדשו בעת ער האט זיך געפונען אין די טרעזינשטאט לאגער בשנות הזעם תש"ג-תש"ה. די ספר וואס איז געשריבן געווארן בעמק הבכא, איז באצירט מיט דברי תורה, הגיגי מחשבה ודברי השקפה, איבער די ביטערע מצב אין וואס כלל ישראל האט זיך דאן געפונען, ומאידך, איז עס פיל מיט די שטארקייט און גבורות הנפש פון כלל ישראל און איבער זייער מסירות נפש און איבער זייער אמונה ובטחון וכו'.

אינעם קאפיטל 'פרקי זכרון האמונה והגבורה הרוחניות' געפונען מיר גאר א דראמטישע מעשה.

דער עטרת משה (ווי מיר וועלן אים אנרופן רבינו) שטעלט פאר א ויכוח נוקב וואס ער האט געהאט מיט א עס-עס קאמאנדיר ימ"ש.

געווען איז דאס בשעת די צוואנג'ס ארבעט ווען רבינו איז געגאנגען שניידן ביימער אין וואלד, זייענדיג טיף אין וואלד האט דער נאצי זיך געוואנדן צום רבי: כ'האב געהערט אז איר ראבינער זענען א געלערנטע פארזאן, איך וויל מיט דיר כאפן א שמועס, און האט אים דערביי צוגעזאגט אז ער וועט אים אומקערן צום לאגער בשלום.

רבינו שרייבט, ער האט נישט געקענט אפזאגן די פארלאנג פונעם נאציש'ן קאמאנדיר, ער האט געשפירט בשעת מעשה ווי די בת היענה, וואס די לייב האט איר געהייסן אריינשטעקן איר לאנגע האלז אין זיין מויל און ארויסנעמען א ביין וואס איז געבליבן שטעקן...

## סיפורים מחוכמים (המשך)

דער קאמאנדיר דער רוצח האט געזאגט פארן רבי'ן, אז ער וויל פון אים הערן וואס די אידן טראכטן אויף די דייטשן.

דער רבי האט מוחה געווען: וועלכע שמועס קען שוין דאס זיין ווען די שטייסט מיט די אלע מעדאלן אנגעהאנגן אויף דיין מונדיר, און איך מיט די תפיסה קליידער און אפגעמוטשעט פון די עבודת הפרך? דו ווילסט גאר האבן א אפענע שמועס?

דער רוצח האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף די מאדאליעס און זיי פארדעקט, און געזאגט פאר רבינו, קוק נישט אויף זיי, שטעל דיר פאר כאילו עס איז נישטא, רעדט א אפענע און פרייע שמועס, און זאג מיר, וואס טראכטן די אידן אויף די דייטשן?



האט דער רבי אים געענטפערט מיט א דרייסקייט: מיר קוקן אן די דייטשן, ווי א סטאדע פון שאף וואס פאשן אין די פעלדער תמימותדיגערהייט, ווען פלוצים אינמיטן זייער גאנג זענען אלע שאף איבערגעקערט געווארן צו אכזריותדיג'ע פארגיפטיגטע שלענג... די דייטשע פאלק איז דאך געווען א מנומס'דיגע פאלק, א פאלק וואס האט ארויסגעגעבן שרייבער, פייטנים, הוגי דעות, די דייטשע קולטור. און פלוצים זענען די ארטיסטן שרייבער און חכמים איבערגעקערט געווארן צו שדים און מזיקים, דאס ערגסטע וואס די מענטשהייט קען פארמאגן, מ'וועט קיינמאל נישט קענען דערגיין די חידה ווי אזוי דאס איז געשעהן..

האט דער קאמאנדיר אים געענטפערט: ביזט גערעכט, אבער מיר זענען די שליחי ההשגחה! מיר פירן אויס די שליחות פון גא-ט.

האט דער רבי אים געענטפערט: דער **רמב"ם** שרייבט שוין אויף די מצריים, אז אפילו עס איז נגזר געווארן די גזירה אז די אידן דארפן זיין אין גלות פאר פיר הונדערט יאר 'בארץ לא להם' און זיי וועלן געפייניגט ווערן דארט. שטייט אבער נישט אין וועלכע מדינה עס גייט זיין, און ווער עס גייט זיי פייניגן, וויבאלד די מצריים האבן אויסגעוועלט די תפקיד אויסצופירן די גזירה, זענען זיי באשטראפט געווארן מיט די ביטערע צען מכות. [רבינו לייגט צו די ראב"ד: הוי אשור בשבט אפי, אפילו די מצריים זענען יאר אויסדערוועלט געווארן צו זיין די אומה הרשעה, האבן זיי צוגעלייגט אייגענע שנאה און אכזריות צו די גזירה, כי ידעת כי 'הזידו עליהם' אזוי אויך ענק די דייטשן האבן צוגעלייגט א עקסטערע דאזע פון שנאה און אכזריות, וואס האט קיין שייכות מיט שליחי ההשגחה].

האט דער קאמאנדיר זיך געעפענט: קוק וואס ענק אידן האבן געטון צו אונז. זיצט זיך שוין דער דייטשער פאלק פאר הונדערטער יארן אין זייער לאנד, זיי באארבעטן זייער ערד, עסן אירע פירות. פלוצלינג זענען אנגעקומען אומגערופענע געסט צו אונזער לאנד, זיי האבן אנגעפאנגן צו האנדלן און מצליח געווען, זיי זענען זייער רייך געווארן, זיי זענען געווארן באנקירער און אויך בעלי בתים אויף די פעקטארי'ס, אלע פשוטע דייטשן האבן מיט רחמנותדיג'ע און בעטנדיג'ע אויגן ארויפגעקוקט צום אידישן באנקיר און זיך געבעטן אז זיי זאלן זיי באשטעטיגן א הלואה. פון דא שטאמט די אנגעגעסענע שנאה פון די דייטשע פאלק צום איד.

האט רבינו צעווארפן זיינע טענות: הער קאמאנדיר, די פאנגסט אן די ערציילונג פון אינדערמיט, לאמיר צוריקמישן די פאפירן פון היסטאריע. מיר אידן זענען געזעצן אין ארץ ישראל בשלום, איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו, מיר האבן געאקערט און אנגעזייט אונזער לאנד, מיר זענען נישט געווען קיין באנקירער, מיר האבן נישט געקענט קיין וועלטס שפראכן בלויז לשון הקודש, מיר האבן נישט געהאט קיין שום רצון צו געוועלטיגן אויף די וועלט.

איין טאג איז אנגעקומען ענקער **טיטוס** הרשע צו א קליינע לאנד אין אזיע (ארץ ישראל) ער האט אונז פארטריבן פון אונזער לאנד, ער האט אונז מיט שיפן געפירט קיין אייראפע, דער טיטוס האט נאך גאר געבויט די בארימטע 'שער טיטוס' אין רוים, איטאליע, ווי ער שטאלצירט זיך אז ער האט פארטריבן די אידן פון זייער לאנד קיין אייראפע.

דער רבי זעהט ווי דער נאצי איז אויפגעשאקעלט געווארן פון זיין בהירות, ער שטעלט זיך אפ פאר א רגע, און פרעגט רשות פונעם נאצי, אויב ער קען ממשיך זיין מיט די אפענע שמועס?

דער רוצח געבט רשות, און רבינו איז ממשיך: שוין פאר איבער טויזענט יאר צוריק האבן די גוים אין אייראפע געמאכט א געזעץ אז אידן האבן נישט קיין רעכט צו קויפן לאנד, עס ווערט שוין דערמאנט אין תוספות במס' ע"ז און ב"מ. [תוספות וויל פארענטפערן די פראגע, חז"ל האבן דאך מתקן געווען אז אפילו מן התורה מעג מען בארגן פאר א גוי מיט ריבית (זעה שפעטער דערוועגן) זאל מען נישט בארגן פאר א גוי מיט ריבית (ב"מ דף ע, וראה מכות כד) דאן ווי אזוי בארגט מען כהיום פאר א גוי מיט ריבית? אויף דעם זאגן די בעלי תוספות אז וויבאלד די גוים האבן נישט געלאזט די אידן קויפן לאנד אין זייערע לענדער, האבן די חכמי הדורות מתיר געווען צו פארבארגן גוים מיט ריבית, און קויפן ביליג און פארקויפן פאר טייער, גענוי ווי א מעקלער וואס גייט ארום אין די שטעט פארקויפן זיינע סחורה]. די געזעץ פון ענק, האט גורם געווען די אידן צו ווערן סוחרים, אין זייער לאנד זענען זיי קיין סוחרים נישט געווען, בעפאר ענקער אייראפישע טיטוס האט זיי פארטריבן. מיר האבן זיך געמוזט לערנען שפראכן, ווייל מיר האבן געקויפט פונעם טערק און פארקויפט פארן דייטש, ווי אויך האבן ענק אונז פארטריבן פון שפאניע קיין פארטוגאל, און פון פארטוגאל קיין פראנקרייך וכו' און אזוי האבן מיר זיך געלערנט שפראכן.

האט רבינו פארציילט פארן רוצח: כ'האב

געקענט א פשוט'ע איד וואס האט געוואינט נעבן מיין שטאט מאקאווע, דארט האט געוואוינט א רייכע פריץ וואס האט געהאט טויזענטער שאף, און אסאך אקער-לאנד אויף אנצוזייען תבואה. ער האט איבערגעגעבן דאס גאנצע פארן איד עס צו פירן, און דער איד האט זייער מצליח געווען מיט זיין ארבעט.

איינמאל א יאר פלעגט דער פריץ קומען באזוכן זיין גיט, צו זעהן די הצלחה מיט זיין אייגענע אויגן, ער האט נישט געקענט פארטרייבן דעם איד, ווייל ער האט געוויסט אז זיין גאנצע הצלחה איז צוליב די קלוגשאפט פונעם איד. אבער יעצט בשנות הזעם, האט די איינגעהאלטענע שנאה פונעם פריץ ארויסגעקומען אויפן אויבערפלאך, און מיט די קנאה שנאה טוען די אידן ליידן יעצט.

איז רבינו ממשיך, נאך א סיבה פארוואס אידן האבן זיך געקערט צו די ביזנעס פון פארבארגן געלט מיט פראצענטן (ריבית) פאר די גוים, איז צוליב נאך א גזירה וואס ענק האבן ארויפגעלייגט אויף די אידן. ענק האבן פארבאטן די אידן ארייניצוגיין אין די גרויסע שטעט פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט, בלויז געציילטע שעות האבן אונז אידן געמעגט ארייגגיין האנדלן אין די גרויסע שטעט, איז אפילו צו זיין א סוחר פון קויפן און פארקויפן האבן ענק אונז באגרעניצט, איז אונז נישט געבליבן קיין ברירה נאר צו טון א פאך וואס מ'קען פארדינען אין אזא באגרעניצטע צייט, דעריבער איז פארבארגן פאר פראצענטן געווען אונזער איינציגע אויסוועג.

נאך מער, די גאנצע מושג פון א 'באנק' קומט אויך אדאנק די אייראפישע גזירות אקעגן אידן, **רבינו תם** פון די בעלי התוספות איז געווען א באנקיר באזוך אינדערהיים, צווישן איין תוספות און צווייטן האט ער געהאנדעלט. הערשט נאך עטליכע דורות זענען זיינע אייניקלעך געווארן גרויסע באנקירער, אלסדונג צוליב דעם וואס ענק האבן זיי פארבאטן ארייניצוקומען אין די גרויסע שטעט צו האנדלען אן קיין באגרענעצונג. דאן פארוואס זאלן ענק אונז פיינט האבן אויף די אלע זאכן וואס ענק אליינ'ס האבן גורם געווען אז דאס זאל געשעהן, נישט קויפן קיין לאנד, נישט האנדעלן, דאן די איינציגסטע עצה איז ריבית?

דער נאצי האט זיך אויפגעוועקט פון זיין שטילקייט און געזאגט פאר רבינו: כ'האב דיר נישט וואס צו ענטפערן, ביזט גערעכט מיט דיינע טענות.

רבינו האט זיך צוריקגעקערט צו זיין כאטקע, און ער שרייבט אז ער איז מברך השי"ת הגומל לחייבים טובות, אז ער איז ארויס בשלום פונעם מויל פונעם לייב, און פארדעם וואס ער האט אים נישט דערהארגעט אויפן ארט. ע"כ המעשה.

## תמלוך לבדך? ונלחמו איש באחיו!

**מ'דערציילט** משמו פון מרן הגרי"ז מבריסק זצ"ל, אז רבי חיים איז איינמאל געפרעגט געווארן פון איינע פון די שרים פון די רוסישע רעגירונג, ווי אזוי זאגן ענק אידן אז ענק וועלן אליינ'ס געוועלטיגן אויף די וועלט, '**תמלוך לבדך**'? צו ווייסן ענק נישט אז די צאל מיליטער פון איבער די וועלט איז דאך מיליאנען מיליאנען, און ענק אידן זענען דאך א מתי מספר, א קליינע צאל?

"שטעל דיר פאר", האט אים רבי חיים רואיגערהייט געענטפערט: "וואס געשעהט ווען מ'לייגט אריין איין 'תרנגולות' א נקבה טשיקעלע צווישן הונדערטער 'תרנגולים' דער תרנגולת ציטערט פון פחד און שרעק, זי איז איינזאם אליינס, וואס גייען איר די תרנגולים טון ווען זיי גייען איר באפאלן? א קריגעריי ברעכט אויס צווישן די תרנגולים ווער וועט זוכה זיין צו די תרנגולת? זיי רייסן זיך צווישן זיך, שלאגן איינע די אנדערע מיט אכזריות, ביז אלע פאלן פגרים מתים, און די איינצעלנע שוואכע תרנגולת בלייבט אליינס לעבעדיג, אנדעם וואס זי זאל דארפן ריקן איר פליגל.

אזוי וועט זיין די מפלה פון די פעלקער ווען משיח וועט קומען, ווי דער נביא זאגט (ישעיה, יט ב): **וסכסכתי מצרים במצרים, ונלחמו איש באחיו.** אט אט האלטן מיר דארט, במהרה יבא ויגאלנו.

דער בעל התניא אין תפיסה - דע מה שתשיב, באינו תשיב

ווען מ'האט דעם תניא איינגעזעצט אין די ביטערע בארימטע פטרופובלסקי פעסטונג. איז די ערשטע דריי וואכן האט מען איינגעשפארט אין די צימערן ווי מ'שפארט איין די מורדי במלכות, נאכדעם האט מען אריבערגעלייגט צו א גריגערע צימער.

דער הייליגער תניא וועלענדיג וויסן אויב א מענטש איז שוין אמאל ארויס אויף די פריי פון די פעסטונג, איז ער צוגעגאנגען צו איינע פון די שומרים און אים געפרעגט, וויפיל איז דאן פארדינסט אין א יאר? ווער דער שומר האט געענטפערט די סכום, האט אים דער תניא ווייטער געפרעגט אויב ער איז נהנה אויך פון די וואס גייען ארויס אויף די פריי? האט דער שומר געענטפערט, אמאל אזוי און אמאל אזוי. פון די ווערטער האט דער הייליגער תניא פארשטאנען אז מ'קען ארויסגיין אויף די פריי אפילו פון די פינסטערע פעסטונג. ווי תורה דארט חכמה!

צווישן די שאלות שונות ומשונות וואס די רוסישע פארשער האבן געפרעגט די תניא, איז געווען שאלות וואס מ'האט בחוש געזעהן אז זיינע מתנגדים האבן געפיטערט די רוסן מיט ווערטער פון זיין ספר 'ליקוטי אמרים, תניא'. די שאלות זענען געווען, וועגן די נוסח התפלה וואס ער האט משנה געווען; וועגן די סכינים המלוטשים וואס ער האט איינגעפירט ביי שחיטה; און אויף דעם וואס ער איז מורה זיינע חסידים צו דאווענען לאנגע תפילות און מ'איז דורך דעם מבטל תורה; פארוואס ער איז מגלה רזין דאורייתא פאר יעדעם; איבער זיין ביאור אז מדת 'מלכות' איז די בחינה אחרונה און עס הייסט 'ארץ'; די לעצטע שאלה איז געווען וואס ער שרייבט בסוף פרק הראשון פון זיין ספר, אז די נפש החיונית וואס ליגט אינעם איד (כנודע איז נפש א נידריגע דרגא פון רוח און נשמה) קומט פון קליפת נוגה, וואס פארמאגט אויך 'טוב' גוטס, משא"כ די נפשות פון די גוים קומען פון אנדערע 'קליפות טמאות', שאין בהם טוב כלל, וואס פארמאגט נישט קיין שום גוטס.

דער הייליגע תניא האט געענטפערט אויף אלע פראגעס בטוב טעם ודעת, קלאר און דייטליך, אזש אז אפילו די פארגרעבטע פארשער האבן עס פארשטאנען און געשאקלט זייער קאפ ווי זיי שטימען מיט.

ווען עס איז געקומען צו ענטפערן אויף די לעצטע שאלה איבער דעם אז די מקור הנפש פון גוים פארמאגט נישט קיין שום גוטס, האט דער תניא גארנישט געענטפערט, ער האט געשוויגן און דערביי געצייגט א פנים שוחקות,

# שערי מדע

עניני חכמה ומדע על פי חז"ל


## מכון שערי מדע

**הרב משה נחום קרויס**
**עורך ראשי**

להערות והארות און אזוי אויך
פאר סיי וועלכע אינפארמאציע

אדער צו ערהאלטן אונזער
וועכנטליכע גליון דורך אימעיל

**פארבינדט אייך מיט'ן מכון אויף:**
Moshe@dermentch.com

**אדער פעקסט צו:**
718.228.4311



כל הזכויות שמורות

© Copyright '15 by:

**Mechon Sharei Mada**

No part of this Gilyon may be reproduced in any form, without written permission from the copyright holder.


**יזכר לטובה**

את נשמת אחי היקר הרב **חיים יהודה** ז"ל
ביבלחט"א אאמו"ר רבי אהרן שליט"א
הוא הגבר אשר יעצנו להוציא לאור גליון
הלז, ועמד לימיני לסמכיני ולחזקינו בכל עת
ועידן, ויהא זה לעילוי נשמתו הטהורה


**Weekly Page Layout by:**

מערכת להתענג
Lehisaneg@gmail.com


## סיפורים מחוכמים (המשך)

א שמייכל האט זיך אנגעזעהן אויף די הייליגע צורה. מיט זיין שווייגן און פנים שוחקות האבן די חוקרים אנגענומען זיין תשובה, און האבן מער נישט געפרעגט איבער די ענין.

נאך זיין באפרייאונג (י"ט כסלו) האט דער תניא ערקלערט די מעסעדזש וואס ער האט געוואלט איבערגעבן פאר די פארשער מיט זיין שווייגן און שמייכלדיגע פנים. אויף די אלע איין און צוואנציג שאלות האב איך זיי געענטפערט כהוגן, קלאר און דייטליך. און זיי האבן איינגעזעהן אז מיינע ווערטער זענען אמיתיים, אמתדיגע ווערטער, דאן אויב וואלט איך זיי געענטפערט אויף די לעצטע פראגע אויך, וואלטן זיי אומווילענדיג געמוזט צושטימען אויף מיינע ווערטער אז די נפש פון א גוי פארמאגט גארנישט קיין גוטס, דעריבער האב איך געשוויגן און געשמייכעלט, און זיי האבן געכאפט די רמז, אז עס איז בעסער אז מ'לאזט איבער די שאלה ללא מענה, א חכמה, צומאל צו זיין א **דע מה שתשיב, באינו תשיב.**

## דער אלטער פון נובהרדוק און דער משכיל

**ווי** באקאנט האט רבי יוסף יוזל זצוק"ל הסבא מנובהרדוק געלייגט גאר א שטארקע דגוש אויף לימוד המוסר, כשיטתו פונעם מחולל תנועת המוסר רבי ישראל סאלאנטער זצוק"ל. די ישיבה האט פארמאגט א 'בית המוסר' ווי די תלמידים פלעגן זיך מתבודד זיין און עוסק זיין אין מוסר מיט א גרויס התלהבות. אויף אזוי ווייט האט זיך די ישיבה אויסגעצייכענט אין מוסר, אז די ביז דאן אנגענומענע טיטלען פון "חריף" איז אויפגעטוישט געווארן צו "מבקש", און "בקי" איז אויפגעטוישט געווארן צו "עובד"".

איינמאל איז א משכיל אנגעקומען צו איינע פון די מוסר שטיבעלעך, ער קוקט ארום און הערט, אנחות, צעקות, בכיות, קרעכצן קלאגן און געוויין! אין איין ווינקל שטייט א בחור און זיין פנים צום וואנט, און האלט זיך אליינס פאר, ווי אזוי האסטו אויפגעשטוישט עולם עומד מיט עולם חולף? אין א אנדער ווינקל שטייט א בחור און קרעכצט, הקנאה והתאווה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם, א אנדערע דרייט זיך ארום און וויינט אויף זיין רוחניותידגע מצב,

דער משכיל ווענדט זיך צום 'אלטער' און זאגט אים, אז די מחזה וואס ער זעהט דא, איז געהעריג ווי א משוגעים הויז!! קולות און געוויין, מ'רעדט צו זיך אליין!

וואס האט דער משכיל פארשטאנען די געגועי הנפש, און איר כיסופין צו געטליכקייט.

רבי יוסף יוזל האט מיט א רואיגקייט, גענוצט די דע מה שתשיב: ער האט גענומען די משל פונעם משכיל אליינס, און אים ערקלערט: אין א משוגעים הויז גייען אריין מענטשן "חולי רוח" גייסטליכע קראנקע, מ'איז זיך מטפל מיט זיי, און זיי קומען ארויס אדם שפויים, געזונט. אזוי אויך איז די בית המדרש, עס קומען אריין מענטשן וואס זענען חולי נפש, געשלאגן מיט שלעכטע מדות און יראת שמים, און זיי דארפן א רפואה, די רפואה זאגט דאך די נביא איז, שובו בנים שובבי"ם ארפא משובותיכם. זעהן מיר אז תשובה און מוסר היילט.